בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת אמור תש"פ | פרק ד | גליון 550 [שנה י"ב]

## דרוש אויף די גרויסקייט פון רעדן נאר גוטס אויף אידן

**א] רעדן אויף אידן איז מען מצער דעם אויבערשטן**

וְשָׁמְרוּ אֶת מִשְׁמַרְתִּי וְלֹא יִשְׂאוּ עָלָיו חֵטְא: (כב ט) וואס מיינט מִשְׁמַרְתִּי? זאגט דער הייליגער מאדזיצער רבי, וועמען היט דער רבש"ע? דאס איז כלל ישראל, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קכא ד) הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל: דער רבש"ע זאגט, היט זיך פון מיינע אידן וואס איך היט זיי, און וְלֹא יִשְׂאוּ עָלָיו חֵטְא: און רעדטס נישט קיין שלעכטס אויף א איד, נאר זוכט די מעלות פון א איד, ווייל דורך רעדן שלעכט אויף א איד איז מען חלילה מקטרג אויף אים, און דער אויבערשטער וועט נישט זיין צופרידן פון דער וואס רעדט שלעכטס. (ספר דברי ישראל הגה"ק ממאדזיץ)

**ב] א ענדליכע פשט**

שטייט וְיִנָּזְרוּ מִקָּדְשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל: (שם ב) כלל ישראל ווערן אנגערופן קֹדֶשׁ, אזוי ווי עס שטייט (ירמיה ב ג) קֹדֶשׁ יִשְׂרָאֵל לַה', דאס מיינט זאלסט זיך דערווייטערן פון רעדן א שלעכט ווארט אויף א אנדער איד וואס הייסט קֹדֶשׁ, ווייל חלילה פירט אויס ירמי' הנביא: כָּל אֹכְלָיו יֶאְשָׁמוּ, אויב מען וועט באשולדיגן און רעדן שלעכט אויף א איד, דעמאלט, חלילה: רָעָה תָּבֹא אֲלֵיהֶם. (ספר אילה שלוחה הגה"ק מראפשיץ)

**ג] ווי אזוי קען מען מבטל זיין קיטרוגים?**

אין נייעם דרוק פון דברי ישראל ברענגט ער: אז א איד וואס איז מֵלִיץ טוֹב אויף אנדערע אידן, קען מיט דעם אויפטאן און מבטל זיין קיטרוגים, אויף דעם וועלט, מער פון וואס מלאכים און שרפים און צדיקים וואס זענען בעולם העליון, קענען מבטל מאכן, און חלילה פארקערט איז מען מעורר.... ע"כ. מיט דעם קען מען לענ"ד אויספירן פשט אין פסוק וְלֹא יְחַלְּלוּ אֶת שֵׁם קָדְשִׁי, כלל ישראל הייסן דאך קֹדֶשׁ און אויב מען איז מחלל א איד, און מען רעדט שלעכט אויף אים, איז מען חלילה מחלל דעם אויבערשטן, ווייל אֲשֶׁר הֵם מַקְדִּשִׁים לִי, די אידן זענען הייליג צו מיר, און דאס רעדן שלעכט אויף א איד, וועט ברענגען א קיטרוג אויף יענעם מענטש. דעריבער זאל מען נאר זען די גוטס פון אידן, און דורכדעם וועלן מיר מבטל מאכן אלע קיטרוגים, און עס וועט ווערן א לעכטיגע וועלט. (שמח זבולון תש"פ עפ"י הנ"ל)

## דרוש אויף די גאר גרויסקייט פון שבת

**א] שבת און יו"ט איז זכר ליציאת מצרים**

מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי: שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן מִקְרָא קֹדֶשׁ כָּל מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ שַׁבָּת הִוא לַה' בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם: (כג ב-ג) פרעגט רש"י ד"ה "ששת ימים" מה ענין שבת אצל מועדות, ווי קומט אריין שמירת שבת ביי ימים טובים? ללמדך שכל המחלל את המועדות מעלין עליו כאלו חלל את השבתות וכל המקיים את המועדות מעלין עליו כאלו קיים את השבתות, עס איז דא א שייכות פון היטן אדער מחלל זיין יו"ט מיט שבת, דעריבער שטייט יו"ט לעבן שבת. דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות פון ביידן? נאר באמת איז דא א שטארקע קשר, ווייל מען זעט אין די הייליגע תורה אז אלע ימים טובים זענען "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם", פסח איז דאך פשוט אז דאס איז נאר וועגן יציאת מצרים, סוכות, שטייט (שם מג) לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל "בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם", שבועות איז דאך קבלת התורה וואס דעמאלטס האט דער אויבערשטער געזאגט (שמות כ ב) אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים. און שבת שטייט אין די צווייטע דיברות אין פ' ואתחנן וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיֹּצִאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ מִשָּׁם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה עַל כֵּן צִוְּךָ ה' אֱלֹקֶיךָ לַעֲשׂוֹת אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת: שטייט קלאהר אז וועגן יציאת מצרים האט מען געגעבן שבת, קומט אויס אז סיי שבת און סיי יו"ט איז אוועק געשטעלט נאר וועגן "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם", דעריבער שטייט יו"ט לעבן שבת דאס צו זאגן אז ווער עס איז מקיים די מועדות וואס איז "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם" איז מקיים דעם "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם" פון שבת און דער וואס איז מחלל די מועדים און איז מחלל דעם "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם" איז מחלל דעם "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם" פון שבת.

**ב] נוסח פון קידוש לשבת**

מיט דעם איז זייער גוט דער נוסח פון קידוש אין שבת: אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְרָצָה בָנוּ, וְשַׁבַּת קָדְשׁוֹ בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן הִנְחִילָנוּ "זִכָּרוֹן לְמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית", תְּחִלָּה לְמִקְרָאֵי קֹדֶשׁ, "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם", ווייל שבת איז דערמאנט אין ביידע עשרת הדברות, אין די ערשטע שטייט זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ: כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה ה' אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֶת הַיָּם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר בָּם, שטייט דא אז שבת איז וועגן דערמאנען די בריאת העולם און דעריבער זאגט מען אין קידוש "זִכָּרוֹן לְמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית", און נאכדעם ווייל שבת פון די צווייטער דיברות, שטייט וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם, זאגט מען "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם" ופלא הוא. (אזור אליהו הרה"ק ר' אליהו הורשובסקי אב"ד דרוהביטש)

**ג] הייליגקייט פון שבת איז דאפעלט פון יו"ט**

קומט אויס אז שבת האט אין זיך צוויי ענינים מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית און יְצִיאַת מִצְרָיִם, ממילא איז גוט יעצט דעם פסוק וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן, פארוואס הייסט דאס "שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן" ווייל שַׁבָּת איז "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם" און דעריבער איז שַׁבָּת לעבן יו"ט, אבער נאך אזאך האט שַׁבָּת אז שַׁבָּת הִוא לַה', דאס מיינט "זִכָּרוֹן לְמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית". מיט דעם קען מען זאגן א טעם וואס מען זאגט מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת, ווייל שַׁבָּת איז דער אויבערשטער מְקַדֵּשׁ, וועגן שַׁבָּת איז "זִכָּרוֹן לְמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית". א זכר צו זיין הייליגע בריאה, וואס דאס איז נאר שייך צום אויבערשטן, אבער יו"ט זאגט מען מְקַדֵּשׁ יִשְׂרָאֵל ווייל יו"ט איז נאר "זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם", און דאס האבן שוין די אידן א שייכות צודעם. קומט אויס אז שבת האט א גרויסע כח צו משפיע זיין ברכות אויף די גאנצע וואך וועגן די צוויי גרויסע ענינים וואס ליגט אין שבת, די בריאה און יציאת מצרים. (שמח זבולון תש"פ עפ"י הנ"ל)

**ר"ה דארף זיין שמחה און פחד מיום הדין**

בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם שַׁבָּתוֹן זִכְרוֹן תְּרוּעָה:(כג כד) שטייט אין פסוק (נחמיה ח י) לְכוּ אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וְשִׁלְחוּ מָנוֹת לְאֵין נָכוֹן לוֹ כִּי־קָדוֹשׁ הַיּוֹם לַאֲדֹנֵינוּ, דאס איז ר"ה אזוי ווי עס שטייט אנפאנג פרק: וַיָּבִיא עֶזְרָא הַכֹּהֵן אֶת הַתּוֹרָה לִפְנֵי הַקָּהָל וגו' "בְּיוֹם אֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי". קומט אויס אז ר"ה דארף מען זיך פרייען מיט

עסן און זיין בשמחה, אבער עס איז אויך א יום הדין וואס מען דארף ציטערן, דאס זאגט דער פסוק בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם "שַׁבָּתוֹן" א שמחה פאר אייך, אבער אויך זִכְרוֹן תְּרוּעָה, מען דארף געדענקען דעם שופר אז עס איז א יום הדין אויך. (אזור אליהו הרה"ק ר' אליהו הורשובסקי אב"ד דרוהביטש)

## פרקי אבות פרק ד

### חשיבות פון איין מצוה און הפסד פון איין עבירה

רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב אוֹמֵר, הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת, קוֹנֶה לוֹ פְּרַקְלִיט אֶחָד. וְהָעוֹבֵר עֲבֵרָה אַחַת, קוֹנֶה לוֹ קַטֵּיגוֹר אֶחָד. (פ"ד מי"א) שטייט אין מדרש שמואל א שטארקע מוסר ווארט: א מענטש קען טאן אלע עבירות, אבער ער קען טאן איין מצוה, וואס דאס וועט פאר אים זיין א פְּרַקְלִיט, גוט זאגער, און פארקערט איינער קען טאן אסאך מצוות אבער איין עבירה וועט אים שאפן א קַטֵּיגוֹר, שלעכט זאגער, דעריבער זאל א מענטש טאן וואס מער מצוות און נישט טאן אפילו איין עבירה ע"כ. און דאס שטייט אין פרק ב משנה א וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה, שֶׁאֵין אַתָּה יוֹדֵעַ מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁל מִצְוֹת. וּשְׂכַר עֲבֵרָה כְּנֶגֶד הֶפְסֵדָהּ. ווייל מען ווייסט נישט וועלכע מצוה וואס מען וועט טאן וועט קונה זיין דיין פְּרַקְלִיט, דעריבער וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה, און וועגן דעם וֶהֱוֵי מְחַשֵּׁב הֶפְסֵד מִצְוָה כְּנֶגֶד שְׂכָרָהּ, וואס דו וועסט דערלייגן דעם פְּרַקְלִיט וועגן די הֶפְסֵד מִצְוָה, און דאס זעלבע וּשְׂכַר עֲבֵרָה כְּנֶגֶד הֶפְסֵדָהּ. וואס די איין עבירה וועט חלילה זיין דיין קַטֵּיגוֹר. מיט דעם קען מען צושטעלן וואס רש"י זאגט אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ להזהיר גדולים על הקטנים, און די הייליגע ספרים זאגן אז דאס מיינט די גרויסע און קליינע מצות, דעריבער דארף מען זיין פארזיכטיג און היטן אלע מצוות, קליין און גרויס, ווייל מען ווייסט נישט וועלכע מצוה וועט זיין די פְּרַקְלִיט. (שמח זבולון תש"פ)

## מדור העובדות

### דער גוי האט געוואלט צונעמען די פרנסה פון א איד און ער האט פארלוירן זיין פרנסה

החסיד ר' אהרן מאנאוויטץ האט דערציילט אז א פרוי איז געקומען צו אים און האט אים דערציילט וואס איר טאטע האט געהאט א מעשה ביים הייליגן זיכלינער, הרה"ק ר' שמואל אבא זצוק"ל בעל להב אש. איר טאטע האט געוואוינט אים די שטאט קאליש און האט געהאט א גרויסע געשעפט פון אלע סארטן אייזן און פארשידינע טשוועקעם פאר אלע סארטן בוי ארבעט, און ער האט זייער מצליח געווען, אלע אידן און גויים זענען געווען צופרידן פון דעם געשעפט, ויהי היום האט א גוי זיך מקנא געווען אין דעם איד און האט געעפנט א גרעסערע און שענערע געשעפט פון אייזן, און איז געווען ביליגער פון דעם איד, אז פון טאג צו טאג, האט ער פארלוירען קונים ביז עס איז שוין נישט געווען א ענין ער זאל נאך זיין אפען.

מיין טאטע'ס מאמע איז געווען א גרויסע טוערקע אין די מלוכה און זי האט געראטעוועט הונדערטער אידן פון תפיסה און פון שווערע משפטים, און טאקע יארן פריערט ווען דער הייליגער זיכלינער איז געזעצן אין תפיסה צוליב מלשינות, האט זיין מאמע געארבעט זייער שטארק און מען האט באפרייט דעם רבין פון תפיסה. האט זיין מאמע אים געראטן ער זאל פארן קיין זיכלין צום רבין, ווייל חוץ וואס ער וועט זיכער איר מכיר טובה זיין, איז ער אויך א גרויסע פועל ישועות, און ער איז געפארן קיין זיכלין און האט זיך אויסגעגאסן זיין הארץ, אז ער איז געווען א עושר און יעצט איז ער ממש א ארימאן און דערציילט וועגן דעם גוי, און אויב עס וועט זיך אזוי אנגיין וועט ער מוזן פארמאכן דעם געשעפט!

האט דער רבי אים אויסגעהערט און געזאגט אוודאי האט ער הכרת הטוב וואס זיין מאמע האט געטאן מיט אים, אבער ער דארף אים העלפן ווייל ער איז א איד און דער רבי האט געליינט זיין קוויטל און אים אנגעוואונטשן אז ער זאל צוריק ווערן א עושר, און איך זאג דיר צו אז דער גוי וועט נאך קויפן טשוועקעם ביי דיר צו פארמאכן זיין געשעפט! מיין טאטע האט נישט געקענט פארשטיין וואס דער רבי מיינט מיט דעם, אבער ער איז געווען צופרידן מיט די ברכה און האט זיך געזעגנט פון צדיק און אהיים געפארן מיט האפענונג אז דער אויבערשטער וועט אים שיקן א ישועה.

דערווייל איז מיין טאטע געזעצן אין געשעפט און מתפלל געווען, ויהי היום נאך א פאר וואכן זיצן אין געשעפט האט זיך געהערט א קלאנג אין שטאט קאליש, אז די אלע בנינים וואס האבן געקויפט אייזן פון דעם גוי האט זיך געטראפן אז די אייזן איז געווען אנגעשטעקט מיט א מחלה, און די ממשלה האבן געמוזט רייניגן די אלע בנינים פון די מחלה, און צום סוף האט מען זיך גענומען צום גוי און מען האט געזאגט אז מען מוז פארמאכן דעם געשעפט און דאס גוט אונטערזוכן פון וואו קומט די מחלה, און די ממשלה האבן געזיגלט דעם שלאס און די טירן פון דעם גוי, און ווען דער גוי האט דאס געזען איז אים שלעכט געווארן און געזען אז די אונטערשטע טירן און פענסטער זענען נאך געווען גענוג אפען פאר גנבים, אז מען וועט קענען גנבנען די סחורה, האט ער געגעבן פארן שומר פון דעם בנין געלט ער זאל קויפן לאנגע טשוועקעם און אזוי וועט ער פארקנאקן אלע טירן און פענסטטער פון בנין כדי די גנבים וועלן נישט אריינקומען.

דער שומר פון בנין איז געגאנגען צום געשעפט פון איד און געקויפט לאנגע טשוועקעם און דאס געברענגט פארן גוי און זיי האבן גוט פארקנאקט דעם בנין. יעצט האט מיין טאטע געזען די אורים ותומים פון רבין אז דער גוי וועט קויפן ביי אים טשוועקעם צו זיגלען זיין געשעפט! צום סוף האט די רעגירונג געהייסן אז מען דארף פארניכטן די גאנצע סחורה פון דעם גוי, ווייל מען האט זייער מורא געהאט פון די קרענק, און נישט געוואוסט וואו עס איז דא די קרענק און וואו נישט, און דער גוי איז געבליבן אן קיין שום סחורה און האט געמוזט פארמאכן זיין געשעפט און די געשעפט פון מיין טאטן האט צוריק אויפגעבליעט, און מיין טאטע איז געווארן צוריק א עושר זיע"א


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה

א שיינע בריוו פון ראגאטשבער גאון, ספר באלאנגט צום מלבים, טור או"ח ווילנא תר"ם מיט חתימות און הגהות רבני טשענגער, עת לעשות ערשטע דרוק פון הרה"ק ר' הילל קאלאמייא אז שמירה און סגולה ספר, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד פון הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש מיט שיינע הגהות כת"י א חתימה פון הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ $800 ספר קן מפורשת עם נחלת צבי דפוס ראשון הנודע לסגולה למלא כל הבקשות, א שיינע בריוו פון הגאון ר' חיים עוזר צוזאמען מיט זיין ברודער הגאון ר' אברהם צבי, סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון באדיטשוב, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר וואס האט באלאנגט צו הר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, א בריוו פון ר' יעקב קמינצקי פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, **Until further notice call 7184388414 or email at: seforim@gmail.com, to order and pick up orders To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מיר ווינטשן אלע א פרייליכן און א געזונטן חודשא רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין פלימעניק הבה"ה יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י – – י' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב! אויך זאל דער גליון זיין א זכות פאר אלע מיינע ידידים וואס זענען ל"ע קראנק געווארן, זאלן זיי האבן א גאנצע רפואה במהרה אמן